STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06545

LIDER UN BALADEN

Levi Goldberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Library of Bureau of Jewish Education
Cleveland, Ohio

לײ װאָלאָבּרעגין

לידער און באַלאַדן

הײם־פֿאַרלאַג
װין — ניו־יאָרק
1 9 2 3

Copyright by L. Gldberg, New-York 1923

מיינע צוויי קינדערלאַך, אָלינקען
און שרה׳לען, ווידמע איך דאָס בוך

I

פֿ ו ן ש ט אָ ט

אין אַ פֿרעמדער שטאָט

שוין האָט דער שטאָט־גאָרטען אויך מיך, דעם לעצטען אויסגעשפּיגען.
די שפּעטע נאַכט האָט זיך געגורעט אין די עלענדע אַלייען;
פּאָר נאָך פּאָר, אויף שטילע וועגען, זע איך מענשען זיך צוגייען,
זיי וועלען זיך אויף ווייכע בעטען אין אַ זיסער רו פֿאַרוויגען.
כ'קוק און זע: אַ גרויע ווייט, אין ליכט־לאַמטערנעם אויף די ראָגען;
ענגע מויערען, בלינדע פֿענסטער און פֿאַרמאַכטע טירען.
וואָלט ווער דאָ נעבען מיר געווען, וואָלט איך אזוי ניט שפּירען
ווי שווער עס איז דעם ווייסטען עלענד אין אַ פֿרעמדער שטאָט צו טראָגען.

גיין. אַ פֿרעמדע היים — וואו ס'וואַרט ניט קיינער אויף מיין קומען,
אין קאַלטע ווינקלען פיר, מיט שאָטענס דורכגענומען
וואַרט אויף מיר אַן עלענד בעט — צום איבערשלאָפֿען.
כ'גיי. פֿאָראוים, מיט לאַנגע פיס, מיין שאָטען טאַנצענדיג א גרויער.
און ווי אַ שטילער הונט נאָך מיינע טריט באַגלייט מיך שטיל מיין טרויער,
און פֿרייט זיך וואָס ער האָט אין מיר אַ גוטען פֿריינט געטראָפֿען.

דאָס ליד פון ווינקעלער

דזינדאַ, דזינדאַ, דזין, דזין, דזין.
מיט אַ שיכור'ן געררויש
טראָגט זיך פון אַ שיינק אַרויס
אַ שפּילען פון אַ מאַנדאָלין.
און איך הער ווי איינער זינגט:
„האָט איר פרייד, חברים, טרינקט!
האָט איר לייד, איז דאָך געווים;
ביטערם מאַכט דעם לעבען זים"
און דער מאַנדאָלין, אָן זין,
שפּילט צו: דזינדאַ, דזין, דזין, דזין.

אָך, דו שטילער נאכט געזאַנג,
קריכסט צו מיר אין האַרץ אריין!
ס'איז מיין האַרץ געדריקט פון פּיין.
פירט מיך אינווייניג דער גאַנג.
אין אַ גרויען רויך — געמישט,
טרינקען מענשען בײַ אַ טיש;
איינער האַוקעט ווי אַ הונט:
„קאַמעראַדען, צו געזונט!"
און דער מאַנדאָלין, אָן זין,
שפּילט צו: דזינגאַ, דזין, דזין, דזין.

אַליין

וואָלט נידריג געוועזן מיין צימער,
און שמעלער אַביסעל די ברייט;
וואָלט עס ווי אַ נאָרע געוועזן —
אַן אָרט פֿאַר אַ הונט אויף אַ קייט.

אַ הונט אין זיין נאָרע פֿילט וואַרעם
און קלאַפּט ניט ווי איך מיט די ציין;
אַ בעטעל, אַ קאַלטער געלעגער,
אַ פֿרעמדער — און איינער אַליין.

וואו צילט דער ציל

וואו צילט דער ציל פון מיינע טריט?
איך ווייס עס ניט, איך ווייס עס ניט.
איך זע אַ שיכור פון אַ הויז,
וואַקעלט זיך אין גאַס אַרויס
און גיט — דערגרייכענדיג צום ראָג —
וואָס שטיל, אַ גאַסען־פרוי אַ זאָג.
זיי ריידען ביידע זיך צונויף —
און גייען וואו אויף טרעפ אַרויף.

וואו צילט דער ציל פון מיינע טריט?
איך ווייס עס ניט, איך ווייס עס ניט.
מיך האָט דער עלענד אָנגעיאָגט —
האָב איך פון זיך — זיך אָפגעזאָגט.
זאָל זיין אַזוי, זאָל זיין אַזוי —
אַלץ איינס, צי די — צי יענע פרוי.
העי! סילועט, געפאַרבטע דו!
וויפיל? איך צאָל! נו, קום, — אַוואו?

וואו צילט דער ציל פון מיינע טריט?
איך ווייס עס ניט, איך ווייס עס ניט.

ס׳האָט אימיצער געוויינט

ס׳האָט אימיצער געוויינט, דאָך ווער ?
געוועזן אין צימער, ער — און זי,
און קיינער מער.

אַ בעט, אַ טיש, און רויטער ווײַ
צוויי שטולען, און אַ פֿרעכער בילד —
און ראָזער שײַן.

זי, מיט אויגען — פֿונקען צוויי
מיט רײַץ, אויפֿגעדעקטע בריסט,
און קלאָר ווי שניי.

ער — אַ גרויליכער און דאַר,
די אויגען טונקעלע, — אין זיי
אַ ים מיט צער.

ס׳האָט אימיצער געוויינט, דאָך ווער ?
צוויי הערצער, אין באַהעלטעניש,
און קיינער מער.

אין שפּאַציר

אויף אַ קערפּערל
אַ וואַרעמער געוואַנט;
אַ קייטעל אויף דעם העלדזועלע,
וואָס ציט זיך צו אַ האַנט.

שלייכען טריט פאַרשלאָפענע,
שמייכלען ליפּען מיד.
פריער לויפט דאָס פודליקעל
און שמעקט אַ יעדענס טריט.

שרייט זי כלומרשט אָן אויף אים,
גלעט דערנאָך זיין קאָפּ.
מענשען גייען הין צוריק,
איינער שטעלט זיך אָפּ.

ווינקט פאַרשייט איר אויג צו אים
און איילט אין איר שפּאַציר.
פריער לויפט דאָס פודליקעל —
דער פרעמדער שלייכט נאָך איר.

ז י ה אָ ט ג ע פּ ר ע ג ט

זי האָט געפּרעגט אים, — זוכסטו בליק?
קום מיין ליבער, קום,
ס׳האָט פאַר׳כשופ׳ט אים איר בליק,
ער איז געגאנגען שטום.

זי האָט געזאָגט: ס׳איז היימליך דאָ,
דו זעסט דעם טיש, דאס בעט;
ווילסטו — קענסטו זיין א שעה —
ווילסט — קענסטו זיין ביז שפעט.

האָט ער געזאָגט: — איך בין ניט קאַרג,
כ׳האב געלט באַ מיר גענוג.
אָ, שיינע דו, זע, ליב מיר שטאַרק,
קריגסט איך אויף וויין אַ קרוג.

האָט זי געזעצט זיך אויף זיין שויס,
געפרעסט זיך צו זיין ברוסט
און האָט געזאָגט: איך ליב דיר הייס —
ער האט די ברוסט געקושט.

די אויגען און איר יונגען קאָפּ,
איר איידעלען געזיכט:
— — — — — — — — — — — — — —
און ווען עס איז די נאַכט אַראָפּ,
די זון געשיקט איר ליכט,

האט זי געזאָגט: נו מאַך זיך גרייט,
שוין צייט — פאַרשטייסט?
דער טאָג האט זיך מיט נאַכט געשיידט —
ער מיט גליק? — ווער ווייסט?

דער טרעמפּ

אַ גאַנצען טאָג געגאַנגען איז אַ רעגען,
און שפּעט ביינאַכט, ערשט קוים וואָס אָפּגעלאָזט.
און ביז פרימארגען זיינען אלע וועגען
געוואָרען גליטשיגע פון שטארקען פראָסט.

און זיינען מענשען אין דער גאַס געגאַנגען,
האָט יעדערער געהיט זיך פון געפאַר —
עס האבען זיך די טריט געשאַרט ווי שלאַנגען,
אויף יעדען גלאַטען וועג און טראָטואַר.

און האבען טריט צו שטרויכלען זיך גענומען,
פאַרלירען זייער שווערען גלייכגעוויכט;
איז הילף פון פרעמדע מענשען אָנגעקומען —
ביים אָרעם אָנגענומען אומגעריכט.

נאָר נעבען אַ סאַלון אין גליטשיגען פרימאָרגען,
געזעסען פויל איז דאַן אַ יונגער טרעמפּ,
געהאַלטען אין די הענט זיין קאָפּ פאַרבאָרגען
און וואָס געבורטשעט, אומעטיג און טעמפּ.

נאָר פּלוצים איז ער אויפגערעגט געוואָרען
און האָט זיין מויל משונה'דיג צעשפּרייט;
אַ דאַמע האט זיך אויף דעם גליטש פאַרלאָרען,
געפאַלען און זיך איינגעשמירט דעם קלייד.

לוי גאָלדבערג

די אויגען זיינע האָבען גלייך זיך אנגעצונדען,
גאָלער פרייד. געפינקעלט האָט דער שיין.
און איידער ס'איז די דאַמע נאָך פאַרשוואונדען,
איז ער אַ לאַכענדיגער אין סאַלון אַריין.

אין רײַ

געצױגען האָט זיך אין אַ רײַ, אַ לאַנגע מענטשן קייט
פֿון יונג און אַלט, אין טראַנטעס אָנגעקלײדט,
מיט פּנים׳ער, װי טױטע; בלייכע, אײַנגעדאַרט.
מיט האָר באַװאָקסען, װי די יאָזשיקעס, שטעכיק האַרט.
מיט ליפּען טרוקענע, װאָס האָבען לאַנג קיין ביסען ניט באַרירט.
עס האָט די קייט װי אַ פֿאַרגליװערטע, פֿון אָרט זיך ניט געריהרט:
װער ס׳האָט געפּלױכט, און װער ס׳האָט גיפֿטיג בייז געלאַכט,
װער ס׳װאָלט פֿון הונגער שוין די טיר אַליין באַלד אויפֿגעמאַכט.
— גײ רײַס זיך, אַז מען איז געפּלאָכטען אין אַ קייט.
— גײ רײַס זיך — אַז אײַנער הייסט שטײן שטילערהייט.
נאָר אָט האָט זיך די טיר געטאָן אַן עפֿען אויף:
עס האָבען זיך געשאַרט די טריט, געשטופּט אַ גוף צו גוף.
ביז אײַנגעשלונגען האָט די טיר — די לאַנגע, באַנגע קייט.
און אויסגעשפּיגען אײַנציגע — מיט אויסגעבעטעלט ברױט.

אין שטאָט פֿון זינד

איך האָב געזען
ווי אין רוישיגקייט פֿון גאַס,
אין א מיטען העלען טאָג,
האָט א מיידעל באַ א ראָג,
געלעקט דעם גיפֿט פֿון אָפּיום,
מיט הונגער אויף איר צונג.

איך האָב געזען
ווי אויסגעלאָשענע אויגען פֿון אַ מאַן
האָבען ווידער זיך צעצונדען,
ווען זיינע ביינדלעך — פֿינגער,
האָבען אויסגעדרייטערהייט
געפּיבערט באַ זיין נאָז.

איך האָב געזען
ווי וואַקעלדיגערהייט,
האָט אַ בלייכער יונג זיך אָפּגעשטעלט באַ אַ וואַנט,
און ווי איינער אין די פּאַליגע —
האָט ער געוויזען אין דער נאַכט אַ ציטערדיגע האַנט
און וואָס געשטאָכען אין זיין הויט.

— — — — — — — — — — — —

און איך האָב דערזען
דעם שד פֿון שטאָט —
זיך שטיקען פֿון געלעכטער.

אין דער אונטערוועלט

אין קאָרטען שפּיל
האָט אים אַ חבר אויסגעליידיגט,
ווי עס ליידיגט אויס אַ שיכור
דעם לעצטען טראָפּען פון זיין פלאַש.
האָט ער נאָכדעם, מיט אַ הייזעריג געבריל,
צעוואָרפען אלע קאָרטען — ווי עס צעוואַרפט פון טאַש
אַ געלט גייציגער זיין געלט אין אָנפאל פון שגעון.

איצט ליגט זיין באוואַקסענע האנט, ווי א מאַלפּע,
אָנגעשפּאַרט אָן ברעג פון טיש
און האלט זיין שווערען, שלאָפענדיגען קאָפּ;
זיין צווייטע האנט — הייגנט אָפּגעשלאַפט אראָפּ,
די אָדערען מיט בלוט פארלאָפען,
ווי זאטע ווערים אין זיין הויט.

א לעמפּעל ברענט.
עס לעקט די צונג דעם נאַפּט פון קנויט
און שפּרייט א בלאסע ליכט,
וואָס שלאָגט זיך אָן, אָן נידעריגע ווענט,
און ווי עס בילט א הונט — ווען עס שלאָגט אים בייז דער באַלעבאָס —
דעם קאָפּ פארריסען צום סופית

און קריגט קיין אָפּרו ניט,
ווייגט אויך אזוי
א פּרוי,
באַ זיינע פיס.

קיין אנדער ברירה ניט,
ווי מיט די ציין, די פינגער זיינע אָפּצווביסן —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
דינע אַקסלען צוקען,
עס לעשט דער לאָמפּ זיך אוים,
און אין דער פינסטער —
ווייגט ארוים
פון איר, און אים — דער אומגליק.

פאַרטאָג

פאַרטאָג, האָט ער זיך אויף דער גאַס באַוויזען.

אַ נאָדעלדיגער רעגען
האָט געשטאָכען פענסטער ווי מיט שפּיזען.

אַ הונט — ווי ער — אַ דורכגעווייקטער,
האָט זיך האַוקענדיג צו אים געלאָזען,
דערציילענדיג זיין עלענד, און זיין פאַרלאָזען.
רואיג איז דער מאַן געגאַנגען, און דעם הונט ניט אָפּגעטריבען —
אויך ער — האָט דאָך געזוכט אַ פרעמדער — ליבען.

א אַלטער בוים. —
זיין ווילדער אָפּגעלאָזטער קאָפּ
געבויגען צו א באַנק.
און אויף דער באַנק,
דורך שעה'ן לאַנג,
זיצט אַ דינע מיידעלשע פיגור.
ניט זי שווייגט
ניט זי רעדט.
נאר ווער עס זעט,
דערפילט איר הערבסטיגען געוויין.
דער אָווענט פאַלט —
און מיט משוגענעם געוואַלד
קריכט דער ווינט אויף דעם אָפּגעלאזטען קאָפּ פון בוים
און טרייסעלט
טויטע בלעטער, אויף דער אומעטיגער מיידעל'ס קאָפּ
אַ ראָפּ.

א י ל ו ז י ע

איך בין ניט געווען אין דעם ריטם, פֿון דער נאַכטיגער,
ראַשענדיגער ליד.

איך בין מיד
פֿאַרביי דער נאַכטיגער ראַשיגקייט געגאַנגען.
קלאַנגען
פֿון מיין פֿאַרגאַנגענהייט
און פֿון מיין געגענוואַרט,
האָבען באַ מיר — זין און צייט
געגאַרט.
און פּלוצים,
אַנטקעגען מיר — אַ דאַמע גייט.
געזאַנג — און פּאַווע גאַנג.
רייץ — אין פֿאַלבען קלייד.
אויגען אָפּפּערוויליג איינגעטשעפּעטע אין מיינע —
גלעטען.
בעטען:
— דיינע.
אַ לויב צו דעם — — — וואס האט יענע נאַכט
אט די אילוזיע פֿאַר מיר אויסגעטראַכט.

פון „גריניוויטש ווילעדזש"

אויף טישען קליינע ליכטלעך ברענען, און חלב טראָפּעט זיך אַראָפּ.

און אַ בלייכע איינגענומענע שיין, איז צושפּרייט פאַר'ן אויג. — און איבער'ן קאָפּ.

אַ סופיט אָן אַ גלאַנץ; אָן קונסט געמאָלענע פּאָרטרעטען אויף די ווענט. — בלויז

אַ גרויער אָפּגעריבענער קאַלך אויף רויטע ציגעל, וואָס דער־מאָנט אָן אַן אַלט פאַרציייטיג הויז.

אַרום — באַ קיילעכדיגע טישלעך: ווער עס רויכערט, און וועמען דער רויך הילט דאָרט איין.

און אַנדערע באַ טיי. — שטילע ביינקענדיגע רייד פאַלען אין דער שטילקייט אַריין.

מאָדנע פרעמד, מאָדנע אייגען, זיינען די וואס גייען אין ציגיינערישע קליידער אַרום.

מאָדנע פרעמד, מאָדנע אייגען — נאָר שפּילט די מוזיק. — — — ווערט אַ געזשום

פון רייד. באלד טאַנצט מען אַריין אין אַ ווירבלענדיגען ראָד.

און איך, וואָס זיין אַליין — איך בין מיט ציגיינער הינטערן שטאָט.

איך רויכער, רויכער — און פאַר מיין אייגען גליק

טאַנצט מען דאָ. און עס שפּילט די מוזיק.

„טשאַפּסוּאי“.

באַ מאַרמאָר טישלעך טרינקט ווער שטאַרקען טיי.
און ווער פֿאַרגייט זיך אין געלעכטער באַ דעם שפּייז: „שטאַפּסוּ“.
זי — גייט אים נאָך, זיי קומען צו אַ טישעל צוּ:
ער — דרייסט, זי — די אויגען — טיפֿער ווי.

זי זעט: פֿילפֿאַרביג ברענען די עלעקטריק־ליכט,
און הערט: פּיאַנאָ טענער שפּילען נאָכאַנאַנד.
זי שווייגט. — ער גלעט איר ציטערדיגע האַנט, —
פֿיבערדיג, און אומעטיג ווערט איר יונג געזיכט.

ס'באַווייזט זיך אַ כינעזער קעלנער און פֿאַרשווינדט.
און קומט צוריק, מיט טעלער צוויי: „טשאַפּסוּ“.
ער עסט, זי — געפֿינט זיך אנדערשוואו —
פֿאַר אירע אויגען טאַנצט אַ נאַקעטע די זינד.

איך האָב פֿיינט.

איך האָב פֿיינט דאס קלוגע טעאַטער,
וואָס רעדט און פּרעדיגט און איז דער גאָט
פֿאַר'ן נאַרישן המון, וואָס האָט
אַ געלט פֿאַר אים, אַ טרערען.

ווייל הער איך קלינגלען זיך די העלדען,
אָדער רייסען זיך די האָר אויס נויט,
דאַן זע איך זייער פּראַצע — פֿאַר ברויט
אַ פֿאַרשטעלטע מיט מאַסקען.

אָבער אומעט פֿעלט מיר אויך ניט אויס,
און לאַנגווייל, נאָגענד, ווי אַ הונגער
צו אַ זויגענדער מוטער, צו אַ יונגער,
וואָס דאַרף איר עופּ'ל שפּייזען...

גיי איך אין בורלעסקען, וואו שפּילער
איבערגעקערט אויף דער לינקער זייט,
שפּילען אַרום די לעכערליכקייט
פֿון זיך, און פֿון אַלעמען.

און טענצערינס, כ'האָב אויבעט ליב,
ווען גראַציעזע בויגען זיך. — דאַן העלט
פֿאַר מיר אַ זיסע פֿרייד, און קוועלט
צו מיין אויפגעשוימטען בלוט.

פּיפּי.

ס׳ווערט פינסטער אין דעם צווייטען אַקט, ביים סוף שוין פון זיין גאַנג.
אַ פאָרהאַנג פון אַ בלויען סאַמעט, שאַרט זיך שאָרכענדיג אַראָפּ.
אַ שטראָם עלעקטערישע ליכט, פאַרבט גרוי די בינע אָפּ,
און טענער פון אָרקעסטער טראָגען זיך מיט אָריענט - געקלאַנג.

און באַלד — מיט רייצענדיגען בויג, און פייער־ברענענדיגען בליק,
אין טוליען אויפגעדעקט די גלידער, בויגיקע, און גרינג,
לאָזט זיך אין אַ טאַנץ די טענצערין, ווי אַ שמעטערלינג —
פאלגט נאָך דעם ריטם, פון דער אָריענט מוזיק.

ס׳ווערט ליכטיגער דאס גרויע ליכט, די בינע וואָס פאַרפלייצט,
און זי קוקט אוים אין זונען אויפגאַנג איינגעהילט;
און אין דער ליכטיגקייט, מיט ליידענשאַפט צושפילט,
ווערט מערער, ברויזענדיגער אַלץ איר טאַנץ צורייצט.

שטיל. ס׳ווערען רואיגער די גלידער פון איר קערפערליך געבוי.
און ס׳ווערען אויך די פרייע טענער איינגעהאַלטענער ביים ענד.
און זי — זי פאַלט אויף אירע קני, דעם פנים אין די הענט,
און זי בויגט זיך — ווי אַ הייליגע, אומשולדיג אַזוי.

ל ו י ג אָ ל ד ב ע ר ג

אָט באַלד.

אָט באַלד, און טעאַטער טירען וועלען זיך פאַרשליסען,
די גאַסען וועלען זיך באַלעבען, קאַפע־הייזער צעצינדען;
אַ גומענער געיעג, וועט ראַשענד, פייפענדיג פאַרשווינדען,
וואו גליען וועט אַ לויטערע די זינד באַ ווייסע טישען.

און ערגעץ דורך פאָרטיערען ברייטע, אויף אַ טיש אַ ווייסען,
פעריל־שניר אויף מיידעל בריסט, וועט רייץ אין זאַל צעקלינגען,
און מענער ליפען צו אירע פיס וועלען ס׳ליד פון תאוה זינגען,
ווען ס׳וועט זיך פון איר דינעם קלייד די נאַקעטקייט באַווייזען.

און ערגעץ וועט זיך עפענען אַ טיר ביז שפעטע שעה׳ן.
ראָזע ליכט אין צימערן וועט די דונקעלקייט פאַריאָגען;
און לאַכען וועט אַ שד דאָרט — — — ביז ס׳וועט אין טאָגען
פון פרימאָרגען, די דונקעלקייט דאָרט ווידער רוען.

אָט באַלד, און שליסען וועלען זיך טעאַטער־טירען,
די גאַסען וועלען זיך באַלעבען, קאַפע־הייזער צעצינדען;
און ווי די האַנט, וואָס פירט אין גאַס אַ בלינדען,
וועט מיר די אומרו איבער ברייטע גאַסען פירען.

בראָדוויי נאָך עלף

בראָדוויי נאָך עלף — ווערען פֿון טעאַטערס, אויסגעלאָשען אַלע שילדען,
וועלכע ברענען אין פֿילפֿאַרביגע קאָלירען.
ס'ווערען פֿול די טראָטואַרען. מאַסען, פּאָרלעך־ווייז שפּאַצירען.
אין גאַס די אויטאָס — ברילען אין א לויף אַ ווילדען.

בראָדוויי נאָך עלף — ווערען ווענט און פֿענסטער ליכטיגער געטונקען.
פֿון די קאַבאַרעטס — דורך וויין, און טענץ, און לוסטיגע געזאַנגען —
באַ אַבאַזשורען־לאָמפּען, אין אַ וואָלקען רויך פֿאַרהאַנגען,
פּלאָנטערען זיך רייד פֿון וויין און רייץ באַטרונקען.

בראָדוויי נאָך עלף — איילען קעלנערס אום פֿון איין טישעל צום צווייטען,
כּאָרוס־מיידלעך טאַנצען זינגענדיג, אין דורכזיכטיגע לייב־קאָסטיומען,
מיט אַראָמאַט פֿון פּודער און פּאַרפֿיומען.
און ס'נעמט זיך ערשט די נאַכט אַ זינדיגע דאָרט שפּרייטען.

נאַכט אויף בראָדוויי

נאַכט, אויף בראָדוויי. —
ווי פאַרווירטע לויפען אום די אויטאָמאָבילען.
אויף שילדען — טאַנצענדיגע פייערען זיך שפילען —
צינדען — און לעשען זיך.
צינדען — און לעשען זיך.

נאַכט אויף בראָדוויי. —
פענסטער ליכטען וואו — גליען נאך פאַר ווענען.
גליען, ביז זיי וועלען זיך פאר דער מארגען זון פאַרשעמען —
וועלען פינסטער ווערען.
וועלען פינסטער ווערען.

נאַכט אויף בראָדוויי —
„נאכט פויגלען" שלייכען אום, וואָס ווייסען ניט פון שלאָפען.
ווי קען מען שלאָפען ווען קאַבאַרעטען הייזער זיינען אָפען?
און ווייט איז נאָך ביז טאָג.
און ווייט איז נאָך ביז טאָג.

I

גאַסען געפּלאַסטערט, צושוואומענע.
ווי גומי דער אַספאַלט איז ווייך.
מויערן — אוצרות פאַרנומענע,
שפּיצען זיך אויף אין דער הויך.

צימערן — שלעסער — פאַרפירענדע,
מעבעל, מיט פלוש אויסגעבעט;
טעפּיכער ליגען קאָלירענדע,
אויף גלאַנציגען שפּיגעל פּאַרקעט.

וועכטער בײַ טירען, ברוינהויטיגע,
אינווייניג, דינער ווי הינט;
איינוואוינער —.מענשען ניט נויטיגע,
ווערן ווי פּריצים באַדינט.

II

גאַסען מיט שטויבען פאַרשאָטענע
הורהאַ, — אין טומעלדיגען רעש;
טענעמענטס, פונקט ווי פאַרבאטענע,
שימלען ביז העכסטען עטאַשז.

צימערען ענגע, צעבויגענע,
דילען — וואָס קרעכצען פון טריט;
שפינוועבס אין ווינקלען פאַרצויגענע,
אויף יעדען פאַרנעצטען סופיט.

קינדער פאַרבלייכטע און קויטיגע,
עלטערען — יונגע פאַרצערט;
איינוואוינער, מענשען שטאַרק נויטיגע,
זיי — איז צו לעבען פאַרווערט.

אַ ליד פון אַן עלענדען בחור

עס האָט דער אָווענד זיך באַזעסן —
נאכט־לאַמטערנעס האָבען זיך געצונדען.
אָנגעקומען זיינען שעה'ן, ווען עס ווערען צוגעבונדען
עלענדע מיט עלענדע — דעם עלענד צו פאַרגעסען.

נאָר אין אַ גאַס, אַ שטילער, ווי אַ צוגעשמידטער צו אַ מויער,
געשטאנען איז אַ בלייכער בחור — הויך דעם קאָפּ פאַרריסען,
און שארף די בליקען אין אַ פענסטער איינגעביסען —
ווי וועלענדיג זיך אויסלייזען פון טרויער.

דורך שטילער רעגונג האט זיין קערפּער זיך געבויגען,
געוויזען האָט דער פענסטער אים — אַ שאָטען. באלד אַ צווייטען.
צו דער וואנט אַ צוגעשמידטער, ווי מיט קייטען,
לאנג געשטאנען איז דער בחור, טיף דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגען.

לוי גאָלדבערג

אַ ליד וועגן אַ האָרבעוואַטער מיידעל

דאָס מיידעל
מיט דעם קאָפּ — איינגעצויגען אין די אַקסלען,
מיט דעם הויקער — אויף איר ביינערדיגען רוקען,
און מיט די אויגען צוויי,
וואָס שעמען זיך צו קוקען —
האָב איך אויף אַ חתונה געטראָפען.
דאָרט ברוסטען
אויף אַ האַרץ, וואָס קען שוין מער ניט האָפען,
האָבען זיך פאַר׳חלש׳טע באַוואויגען. —
מיינע בליקען האָבען אָנגעטראָפען אירע אויגען.
און כ׳האָב געזען,
ווי פרעמד עס איז פאַר איר געוועזן
פון טענץ די פרייד,
און איבעריג
די געסט און מחותנים. — — —
און ווען מען האָט גענומען די כתובה לייענען —
מיט די טויטע יאָרען פון איר לעבען,
האָט געוויינט איר בלייכער פנים.
און כ׳האָב געהערט,
טרויעריג, פאַרביינקט, איר מזל וויינען.

פּונקט ווי אַלעמאָל

פּונקט ווען עס זעגענט זיך נאָר אָפּ דער טאָג,
צינדט אָן אַ מאַן דעם לאַמטערען פון ראָג;
פּונקט ווען דער זייגער נאָר צייכענט אָן אַכט,
שטעלט זיך אַוועק דאָרט אַ בחור און וואַכט.

רעש'ט דער פאַרליכטיגטער אָווענד פון גאַס,
לייכטזיניג גייען די שעה'ן מיט רעש;
אומעטיג שפּרייט דער לאַמטערען זיין ליכט —
ווייט מיט אַן אומעט דעם בחור'ס געזיכט.

פּונקט ווען עס קומט נאר די צענטע שעה אָן,
צינדט ער פאַרביטערט אַ שוועבעלע אָן —
פלאַקערט דער „קאָפּ" פון זיין לעצטען פּאַפּראָס
פּונקט ווי עס פלאַקערט זיין הארץ פון פאַרדראָס.

לוי גאָלדבערג

אין נעבעל

I

אַ נאַסער מאָרגען,
וואַרגט
די שטאָט מיט נעבעל.

II

מיט רעש
דער פֿריער מאָרגען, קריכט
צום טאָג.
און איך — אָט דאָביים ראָג,
ארומגענומען פֿון מיין אייגען ביסעל ליכט,
שטיי פֿאַר אַלעמען א שטילער אין באַהעלטעניש. —
מיך — זעט קיינער ניט.
ווייסט קיינער ניט
אַ וואו — און ווער — עס איז מיט זיי
אין נעבעל.

III

מענשען פֿונ׳ם נעבעל גרויע
רייסען, איילען זיך אויף גיכער. —
ווייל זיי רייסען זיך אויף גיכער
לויפֿט זיי נאָך דער גרויער נעבעל,
און ער וויקעלט זיי
אין גרויע טיכער.

פראָסט

ווי פאַפּיראָסן־רויך,
צעגייט דער אָטעם מיינער
אין דער קאַלטער לופט.
און אונטער מיינע פיס,
וויינט דער האַרטער פינקלענדיגער שניי.
אין ענליכקייט —
ווי ס'וויינט דער בוים, דערפילענדיג אין האַרץ די זעג.
גאַסן, גאַסן, גאַסן.
לויפן מענשן אום,
די קעפ — אין קאָלנערס איינגעגראָבן,
הענט אין אַרבל איינגעכוטעט.
לעכערליך —
ווי קאַריקאַטורן אין אַ בורלעסק.

- - - - - - - - - - - - - - - -

קאַלטע ווינטער־נאַכט, —
האָסט שפּאַס
פון דיין גלענצענדער רעזשי.

לוי גאָלדבערג

אין העלען ליכט

1

אָוונד. —
ערגעץ אויף אַלייען מיט גומי אויסגעשפּרייט,
גייסטו שטילערהייט
מיט זיכערע טריט.
און ווי פֿון מידקייט עס שאַרען זיך ברעמען אויף ליכטיגע אויגען,
אַזוי שאַרט זיך דיין ריזיגע שוואַרצקייט אויף דעם טאָג.
און ווי איבער דער שטאָט וואָלט זיך א צווייטע זון צוגליט,
צינדט זיך אָן פֿאַר דיר
יעדער הויז, גאַס און ראָג.
אָוונד! —
ווען דו קומסט,
צינדט זיך אָן דאָס בלוט אין מיר.

2

נאַכט! —

האָסט, גרויסע, ברייטע הענט,

ברייננסטו רו פאַר אַלטע לייט,

פאַר קינדערלעך געוויין,

און באַנג —

פאַר דער אַלטער מויד,

וואָס קוקט דורך דער קאַלטער שויב

אין דער ווייט —

און קען זיך ניט, ווי אַ קראַנקע טויב,

אַ הויב טאָן צו איר פאַרלאַנג.

פאַר מיר אַליין

אין זינד געפּענט,

ברייננסטו אומרו אין דיינע גרויסע, ברייטע הענט. —

האסט גרויסע ברייטע הענט.

3

האסטו געזען,
ווי לאַנגע כוואַליעס האָר צושיטען זיך אויף רונדע שולטערן,
און ווי די צווייטע געשטאַלט אין שפּיגעל
שמייכעלט פֿון דעם לאַשצענדיגען האָר באַריר?
און שפּעטער,
דעם פֿענסטער פֿאָרהאַנג נידערען
מיט קלאָרע הענט?
איך האָב געזען —
און טראָג אַרום די אילוזיע אין מיין געדאַנק.

ענגע שעה'ן

1

די ברייטע גאַס איז פֿול מיט ליכט
און בליצענד בלענדען זיי, אויף קינאָס און אויף קראָמען,
מיין קאפ צום שויב, מענשען—טייכען שטראָמען—
ווי די ברייטע גאַס, די אויגען זייערע מיט ליכט.

מיין הויז איז שטיל. — מיין זייגער רעדט.
און טעמפ פירען מיך צום בעט די טריט.
איך האָב אַ לעבען—און איך לעב אים ניט.
קאַלט. דער האַווענדיגער זייגער רעדט.

2

מיין לעבען לעבט בשותפות מיט'ן אומעט.
און וויל מיין לעבען לעבען, לאָזט אים ניט דער אומעט.
און וויל מיין אומעט-אומעטען, לאָזט אים ניט דאָס לעבען —
ס'איז ניט גוט,
ווען דאָס לעבען לעבט בשותפות מיט'ן אומעט.

3

אין ענגע שעה'ן שפילט מיין אומעט,
ווער הערט דעם שטומען אומעטיגען שפילען?
שטומע בילדער אויף די שטומע ווענט,
שטומע לויערען פון שטומען צער,
הערען זיך צו — צו דעם אומעטיגען שפילען.

לוי גאָלדבערג

ווען באַנען לויפֿען

ניט פֿון דאַנען,
טאָ פֿון וואַנען?
און וואוהין־ דאָס
יאָגען באַנען?

פֿונקען בליצען,
פֿייער שפּריצען,
פֿלינקע רעדער
רעלסען קריצען.

און די רויכען
אין די הויכען,
וואו, צו וועמען
ווילען גרייכען?

רעלסען — בונדען —
ווייטע רונדען,
האַלטען ווייטען
צוגעבונדען.

און דאָס רוישען,
וואָס צו טוישען?
און אויך וועמען
צו אַנטוישען?

מיר אַנטקעגען —
אויפֿצורעגען —
לויפֿט די אומרו
אויף די וועגען.

טאָג און נאַכט

יעדער טאָג — אַן אויסשטעלונג:
גבורה פאַר דער וועלט צו ווייזן.
טיילט די וועלט אַ קרוין צו די,
מיט די מוסקעלען פון אייזן.

יעדע נאַכט — אַ צוגרייטונג:
גבורה פרישערע צו געבען.
דעקט זיך אַלץ מיט שלייערען
און עס סוד׳עט זיך דאָס לעבען.

ווי דער טאָג, מיט טויזענט וואונדען,
רייגעלט זיך אין גסיסה;
אַזוי ווערט די זון פארשוואונדען
אין איר אייגענעם צער פון פאַרגיין.

ווי ליכט צו קאָפּענס באַ אַ טויטען,
אַזוי ברענען די לאַמטערנעס
און ווי בעטלער איינס נאָכ'ן צווייטען —
די אומעט־שעה'ן גייען.

די נאַכט רעדט

ס'איז ניט אומזיסט, וואָס איצטער זיינען אַלע מיינע שויבען גאָלדיג:
איצטער איז נאָכאַלעמען, איצט איז די זון צערונען.
פאַרנאַכט האָט זיך די זון געראַנגעלט, צו די פענסטער זיך געבויגען,
געבעטען זיך באַשיצונג — נאָר דער מעריב האָט געצויגען.
האָט זיך די זון צערונען.
דעריבער הייגען אין די פענסטער מיינע,
פירקאַנטענדיגע שטיקער זונען.

לוי גאָלדבערג

סיני ליכט

כ׳בין ניט נאָך זיין טויטען וואָגען נאָכגעגאנגען —
נאָך פֿאַר מיין וויסען איז ער שוין געווען טויט.
מען האָט אים צו דער קבורה צוגענומען —
עטלעכע אין עלענד, האָבען אים באַגלייט.

אָ, עלענדער! געלעבט אין וויסטען עלענד,
דיין שוואַרצער וועג — ער ציט זיך ניט צוריק;
איך בין ניט נאָך דיין טויטען וואָגען נאָכגעגאנגען —
שוועבסטו א לעבעדיגער אום איצט פֿאַר מיין בליק.

צו מיינע חברים

איר רעדט מיט מיר אינטימע רייד
און שלעכטס אויף די, וואָס האָבען איך ווען ווי געטאָן.
און איך, וואָס קען ניט אנדערש טאָן,
ווי געבען איך א ביסעל פרייד —
וואַרף אויבעט צו א טראָפּען סם
צום ים,
פון אייערע רייד.
(פאַלשע זיינען יענע רייד.)
נאָר די, וואָס כ'שטעל זיי אויף פּאַפּיר
און שיק זיי אויף דער גאָרער וועלט—
די האָבען א געוויכט,
פון אמת — און קומען פון א האַרץ, וואָס קוועלט
צו אַלעמען, מיט פרייד און ליכט.

אין מיר

אין מיר איז דאָ דער נאר.
אין מיר איז דאָ דער חכם.
רעדט דער חכם —
גלאצט דער נאר אויס זיינע גרויסע אויגען
און די ברייטע ליפען,
נאריש שמייכלען.
רעדט דער נאר —
בייסט דער חכם זיינע ליפען,
ביז זיי ווערען שטומערהייט פארגליווערט.
אין מיין זין —
אלע מאָל א קאמף
צווישען נאַר און חכם.

אָנדערוואָכען

איך טראָג
א יעדען טאָג,
א פארב געפלעקטען אנצוג,
א ברוינעם היטעל,
א טונקעלען קאָלירטען איבערהעמד —
ניטאָ קיין אנדער מיטעל:
אויך פאַר א היים.
און פרויען זאָגען:
אז ווי איז די וואָס טראָגען
קיינמאָל ניט די זאָרג פון היים.
טראכט איך — גערעכט.
נאָך אלעמען איז דאָך גאָרניט שלעכט,
אז מען ברייננט אהיים די שכירות אלע וואָך.
און דאָך —
ווען איך טרעף זיך אָן מיט מיר אין שפיגעל,
אין דעם פארב־געפלעקטען אנצוג,
אין דעם ברוינעם היטעל
און אין טונקעלען קאָלירטען איבערהעמד —
ווער איך אליין פאַר זיך פארשעמט —
און דאָס איז א פּאָעט!

II

אפרו

א געזאנג וועגן זונטאג.

הייזער זיינען ווי מענשען

1

ווינטער זיינען אלע הייזער ווינטערדיג,
פונקט ווי אלע מענשען זיינען ווינטער ווינטערדיג.
זומער זיינען אלע הייזער זומערדיג,
פונקט ווי אלע מענשען זיינען זומער זומערדיג.

אָנדערוואָכען זיינען אלע הייזער וואָכעדיג,
ווי די מענשען זיינען אָנדערוואָכען וואָכעדיג.
זונטאג זיינען אלע הייזער יום טוב'דיג,
ווי אלע מענשען זיינען זונטאג יום טוב'דיג.

2

די זעקסטע און די זיבעטע מאָרגען שעה,
האָבען איצט קיין שליטה צו אַלע צוגעמאַכטע טירען.
ס'האָט ווער פֿון זיי דעם כשוף אָפּגעטאָן. איצט זיינען זיי
ווי הענט, וואָס קענען ניט די שלעסער רירען.

וואַרטען זיי בּאַ שוועלען, מיט באַשריינקטען לעבען,
און ווען דער זיבען קומט ווערט זעקס צוגאנגען;
און ווען דער אַכט דערשיינט, בלייבט גאָרנישט ניט פֿון זיבען.—
טירען עפֿענען זיך אויף מיט יום־טוב'דיגע קלאַנגען.

3

יום־טוב רו און זונען ליכט,
פנים׳ער און אויגען פלאַמען,
אין די פענסטער פרויען קעפּ
ווי פּאָרטרעטען אין די ראַמען.

ווינט־געשפּיל מיט פאָרהייִנגען —
אַ סימבאָל פון פרידען־פאָנען.
הייזער ריידען צו דער שטאָט
מיט געזאַנג פון גראַמאַפאָנען.

4

איצט ווערט אָפּגעטיילט די יוגענד פֿון דער עלטער:
יונגע זוכען יוגענד, עלטער זוכט זיין גלייכען;
עלטער באַ די שוועלען, יוגענד באַ די הייזער —
קלינגט פֿון דאָרט אַ יום־טובֿ׳דיגעס קייכען.

ווערען קינדער גרויסע, גרויסע ווערען קינדער,
רייפֿע רייד באַ יעדען זוכען פֿרייד געווינען,
הייזער זיינען ווי די מענשען, הייזער זיינען גליקלאַך,
זייערע פֿענסטער, ווי אָנגעצונדענע קאַמינען.

איך — אין אַ זונטאָג

1

ווי גוט עס איז פון זונטאָג דער פרימאָרגען —
איך ליג אין בעט אַן אויסגערוטער און האָב פרייד
וואָס אַלץ, וואָס איז געווען פאַר מיר אין וואָך פאַרבאָרגען,
איך זע עס ווידער אויסגערוטערהייט.

עס שטייט דער זייגער פאַר מיין בעט אַנטקעגען,
דאָך מיך אַרט ניט זיין מאָנאָטאָנער קלאַנג.
כ׳בין פריי — איך טראַכט אַז ניט פאַר מיינעטוועגען
איילט זיך איצט זיין פינקטליכדיגער גאַנג.

עס איז מיין בעט מיט ווייב און קינד פאַרנומען.
און זיי — זיי ווערען פון מיר אויסגעקושט;
און מיך האַלט ליב אַ ווייכע האַנט אַרומגענומען
און צו מיין האַרצען טוליעט זיך אַ הייסע ברוסט.

2

ערשט היינט האָט צייט די פֿרוי אַ ביסעל זיך צו פּיעסטשען:
היינט איז איר טאָג, זאָגט זי — זי איז מיד.
אַ גאַנצע וואָך דאָס קינד און אויך צו הויז צו ראָמען —
זי פֿאַלט אַ יעדע נאַכט אַוועק ניט פֿילענדיג קיין גליד.

ערשט היינט האָט צייט די פֿרוי אַ ביסעל זיך צו פּיעסטשען:
„גיי אַרונטער, בעט זי זיך, און שטעל דעם „ברעקפֿעסט" צו".
די מילך און ראָלס איז פֿאַר'ן טיר. זי האָט געהערט דאָס קלינגען.
„גיי אַרונטער איך בין מיד. איך וויל אַ ביסעל רו".

ערשט היינט האָט צייט די פֿרוי אַ ביסעל זיך צו פּיעסטשען —
און זי — זי ווערט פֿאַר מיר אַ פּיעסטשענדיגעם קינד.
און איך, ווי זי, ווער פּיעסטשענדיג און ענטפֿער:
איך בין מיין טייערע ניט הונגעריג אַצינד.

3

דער קלײנער װײזער פֿונ׳ם זײגער אויף דעם עלעף,
דער גרויסער אויף דעם צװײ.
פֿרעג איך זיך אַלײן, װיפֿיל איז דער שיעור, ביז װאַנען?
כ׳שטײ אויף. — אַ ניט געװאַשענער, אָן שיך,
נעם איך איבער׳ן הויז אַרום צו שפּאַנען.

איך הער אַ קלונג. װער איז דאָס? — אַ שיק־יונג.
פֿיל קומט? און ס׳הײסט מײן פֿרוי
אים פֿאַר דרײ פֿונט באַצאָלען.
כ׳באַצאָל, און גוט איז מיר, און יום־טוב׳דיג אַזוי —
הויב איך דערװײל די קאַװע אָן צו מאָלען.

4

„מיט געלט טאָר מען ניט שטאָלצירען“
נעם איך אויף פֿון הויף אַ ליד.
ס׳זינגט אַ בחור, און אַ בלינדער
אויף אַ פֿידעל העלפֿט אים מיט.

ס׳זינגט דער בחור, און פֿאַרריסען
צו די פֿענסטער האַלט זיין קאָפּ;
קיינער קוקט ניט. פֿון די פֿענסטער—
פֿאַלט קיין קליינגעלט ניט אַראָפּ.

זעט דער בלינדער סיי ווי סיי ניט,
אָבער הערען, הערט ער דאָך;
פֿאַלט קיין קליינגעלט ניט אַרונטער,
וויינט זיין פֿידעל העכער נאָך.

5

„אַלטע שיך און אַלטע קליידער
אַלטע ראָבערס צום פֿאַרקויף!"
הער איך קולות פֿון אַ אידען,
דורכ'ן פֿענסטער — אין מיין הויף.

„אַלטע קליידער, אַלטע ראָבערס"
קלינגט עס ווי אַ בעטלער ליד.
טוט מיר באַנג — וואָס ס'האָט דער הענדלער,
אויך קיין רו אין זונטאָג ניט.

צוויי נייע לעבענס. (מיינע קינדערלעך)

מיט יעדען טאָג וואָס קומט,
מיט יעדען טאָג וואָס שווינדט,
גרעסער'ן זיך מיינע זונענדיגע לעבענס.
מיינע קינדערשע פאַרלאַנגען,
מיינע לאַבענדיגע רייד
ווערען איבערגע'חזר'ט פון מיינע יונגע לעבענס.
מיין יוגענט — שפּיגעלט זיך אין מיינע אויפגעקומענע לעבענס —
איך דאַרף ניט מער קיין פרייד.
איך דאַרף ניט מער קיין פרייד.

III

פֿון טויטען וועג

צו אַ טענצערין. (דאָס ליד פון אימעצען)

טאַנץ אוים דעם גרויל פון יענע טעג
און פאַרגעס זיך כ'בין דיר פרעמד;
וואַרף אַראָפּ פון לייב דיין העמד —
פונקט ווי זי — פאַר זיי אין שרעק.

טרינק נאָך אַ כוס! און גיב מיר גליק.
פייער פלאַקערט פון דיין בליק —
רויך פון מיינע אויגען.

צו איר ביסטו ווי לייד צו פרייד —
איך דאָרשט צו זען איר אויפּען וואָר.
מיט שרעק אין בליק צוואַרף די האָר
און טאַנץ פאַר מיר דעם טאַנץ פון טויט —

ווען ס'האָט געפייניגט איר די רויט,
האָט איר געוואַשען בלוט אַ שטראָם.
מיט'ן לעצטען כוס באַגים דיין גוף
און שפּיגעל אָפּ אַ בילד פון בלוט —
אַ בילד פון איר דאָרט, אין פּאָגראָם.

— — — — — — — — — — — —

ווילדער — — —
טאַנץ אויף דעם גרויל פון יענע טעג —
מאָרגען אויפ'ן טויטען וועג.

(יונגע אידעשע טעכטער געצוואונגען
אונטער'ן רוט צו טאַנצען נאַקעטע.
פון צייטונגען).

* * *

טריט אין בלאָטע נאָך אַ שוואַרצען אָרון —
געהיימניספולע פינגער קלעפ
אויף דינע ברעטלאַך פון אַ חורבה טיר.
אַ פאַטשען מיט די פליגעל
פון אַ קראַנקער טויב —
הער איך, רעגען,
אין דיין מאָנאָטאָנעם קלאַפען אויף מיין שויב.

דער משוגע׳נער קאַפּריז

ס׳רעדט צו מיר די צייטונג אויף מיין טיש:
ער לאַכט איצט דער משוגע׳נער קאַפּריז,
איבער אוקראַאינע און פּוילען.
משוגעים, בּאַ אָפענע קברים פון קינדער, וואָס פוילען,
לאַכען איבער קברים־פאַרזייטע פעלדער.
אין דער וויסטעניש פון וועלדער
וואָגלען אום משוגע׳נע מאַמעס מיט איינגעדאַרטע ברוסטען,
און אין דעם וויסטען וואָגלען
פאַלען ניט געזויגענע עופה׳לעך טויט, —
און בלייבען ליגען ניט באַגראָבענערהייט.

— —

ס׳ווערען מיר די אָדערען פון הענט און גוף צוגריפגעצויגען.
און אין דער נאַכט פון מיינע צוגעמאַכטע אויגען,
שווינדען פון אַ אימפּעטלויף נאָך ווילדער,
די איינגעקריצטע בילדער
פון מיין מאַמען:

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אירע שרעקעדיגע ווערטער:
„אַלע נאָך מיר, אַלע נאָך מיר״!
און ווי דורך אַ פחד נאָכגעיאָגט נאָך איר,

לויפט זי אום מיט בלוט באַפּלעקטע פּיס,
פון גלאָז און שטיין צושטאָכענע, —
מיט הענט פאַרבראָכענע,
מיט אויגען אויסגעגלאָצטע, מאַטע.

ווינטער.

נאָר וואָס האָט די נאַכט זיך אין איר וויסטעניש פאַרבאָרגען;
און מיט'ן קומען פון פרימאָרגען
העלט זיך דער דרויסענדיגער שניי.
אַריינגעקומען איז אַ שכן מיט אַ האַרציגען גוטמאָרגען —
און נאַסע פוסטריט אָפּגעשטעמפּעלט אויף דעם דיל.
בויערט איין מיין מאַמע אירע גרויסע מאַטע אויגען
אין די נאַסע פלעקען פון זיינע טריט:
אַ ווייִלע שטיל —
און נאָכדעם אָפּגעפלויגען,
ברילט זי, שפּרינגענדיג אויף הינטער:
„ווילדע פייגעל נאָך מיר! ווילדע פייגעל נאָך מיר"!

מיין שוועסטער האָט דעם אויוון איינגעהייצט
און האָט זיך אָפּגעקערט.

אויף אַ רגע נאָר,
האָט מען דער מאַמעס שטילע טריט פאַרהערט.
געטראָפען האָט מען אירע האָר
אין קרייז פון פייער'ן פאַרצערט. —
„ווילדע פייערען נאָך מיר! ווילדע פייערען נאָך מיר"!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דורכ'ן פענסטער —
דער פרייער אָטעמדיגער טייך.
ווי געהילץ פון אַן איינגעפאַלענער חורבה,
שווימען אויף זיין רוקען אָפגעלאָזטע שטיקער אייז.
אין גאַס — אַן איינגעבויגענער גרייז
האָט זיך אויסגעגלייכט, און אָפגעקנעפעלט
זיין וואַרעמען פאַלטאָ. —
פרילינג איז דאָ! פרילינג איז דאָ!
די הענט פאַרלייגט אין שויס,
קוקט די מאַמע זשעדנע, אַ רואיגע אין גאַס אַרויס,
און בעט זיך
אין הויף שפאַצירען גיין.
צעשפרייטערהייט
מישט זיך אוים די פרייד,

פון אונז און איר אין אָט דער זוגנענדיגער שעה —
פרילינג איז דאָ! פרילינג איז דאָ!
נאָר ס'האָט די חיה־משוגעת מיין מאַמען אַליין ניט אָפּגעלאָזט,
און ס'האָט דער טייך פון זון צולאָזט,
מיין מאַמעס גרינגע וואָג אַריינגעשלונגען.

דער גייסט פֿון קדושים.

(פּאָעמא)

(אָרט—רואינע. הייזער—איינגע, קענטיג נאָר פֿון אַש פֿערשאָטענע גריבער, אַנדערע פֿון איבערגעבליבענע ווענט, אויף אַנדערע — פֿעלען דעכער, אין אַנדערע פֿענסטער. עס זעען זיך אַרוים סימנים פֿון פֿאַרברענטע מעבעל: — אַ נאָך ניט צעפֿאַלענער טיש, אַ נאָך ניט צעפֿאַלענע באַנק א. א. וו. ווייט ביז וואַנען די אויג קען זען, ציען זיך רואינע־ פעלדער, וואָס פֿאַלען אַריין אין שיטערע וועלדער. — — — עס איז נאַכט. דורך דעם ליכט פֿון דער לבנה, קען מען זען ארומ־ גייענדיגע און ליגענדיגע שאָטענס פֿון מענשען (הרוגים). קענטיגער פֿון אַלע זעט זיך אין אַ ווינקעל אַ שלאָ־ פֿענדיגע פֿרוי מיט איין עופה'לע צוגעדריקט צום האַרצען. אַרום איר גרופּירען זיך: אַ קאַליקע (אָן הענט) אַ בלינדער זקן, א קינד, א פֿרוי, צוויי מיידלאַך; איינע ברעכט אוים פֿון צייט צו צייט אַ היסטערישען געלעכטער, און די צווייטע זיצט אין טויטען שווייגען)

די שלאָפֿענדיגע פֿרוי: (וועקט זיך אויף פֿון שלאָף. מאַכט מוטערליכע באַוועגונגען צום עופה'לע. וויל עס געבען זויגען, כאַפּט זיך, אַז איר פֿעלעןביידע בריסט. איינגע קוקען זיך איבער)

אַז איך שלאָף
פֿיל איך, ווי זייגע ליפּעלעך זויגען
מיינע בריסט.

אַז איך שלאָף,
פֿיל איך ווי עס שמייכעלט זיין געזיכט
און איך באָד זיך אין דעם ליכט
פֿון זיינע אויגען;
נאָר מיין פֿרייד
פֿאַרגייט, פֿאַרגייט.

קאַליקע: שלאָף איין דבורה,
שלאָף איין.

(די שלאָפֿענדיגע פֿרוי וואַרפֿט אַ צער׳פֿולען בליק צום קאַליקע, ציט זיך אויס אין דערזעלבער פּאָזע ווי פֿריער, טוליענדיג דעם עופֿה׳לע מוטערליך צו זיך.)

קאַליקע: (צום בלינדען) איינגעשלאָפֿען
אין איר אומרואיגען דרימעל ווערט זי האָפֿען,
אַז עס האָבען זיינע ליפּעלאַך
אירע פֿולע מילך־בריסט אָנגעטראָפֿען,
און זיי זייגען, זויגען.
אין דער אמת׳ן —
ליגט דאָס עופֿה׳לע מיט צוגעמאַכטע אויגען.
און — איר פֿעלען ביידע בריסט.

בלינדער: מיר האָבען זיך אומזיסט

געווערט.
דיך — האָבען זיי די הענט
אָפּגעשניטען,
מיך — די אויגען אויסגעברענט.

קינד: איך האָב נאָר פון הונגער שטאַרק געליטען.
מיט שרעק, האָב איך דורך שפּאַלטען
אַלעס צוגעזען.
געווען
באַהאַלטען
אין אַ קעלער.

ערשטע מיידעל: (קייכט זיך פאַרנאַנדער אין אַ היסטערישען געלעכטער)

קאַליקע: זי וועט דבורה'ן אויפוועקען
און איבערשרעקען.

קינד: (צום בלינדען) זיידע, פיל ווי גלאַט
עס איז דער טיש, די באַנק,
זאָגסט דאָך אַז אַלעס זעסטו אין געדאַנק.

בלינדער: (טאַפּט) וואונדער, וואונדער!
ווי ס'האָט דער פייער איבער זיי קיין שליטה ניט געהאַט.

קינד: איך גיי איצט מיינע שפּילצייג געפינען. (פאַרשווינדט)

בלינדער: אַ קינד ליגט נאַרישקייט אין זינען.
ערשטע מיידעל: (ווידערהאָלט איר געלעכטער.)
קאַליקע: (מיט כעס) שטילער! איינגעהאַלטענער! שטילער!
וועסט דבורה׳ן אויפוועקען
און איבערשרעקען. (פויזע. צום בלינדען)
נאָכ׳ן פרילינג וועלען רייף אַלע פירות.
ווי איז יענעם — וואָס לעבט ניט איבער דעם פרילינג.
אין אַכטען חודש האָבען זיי די בריסט איר אָפגעשניטען —
— מען וואָלט אים יאָסעלע גערופען.
געבענשט זאָל זיין די רו,
געבענשט זאָל זיין די רו,
וואָס נעמט בא איר די זעאונג אויף אַ ווײַלע צו.
(ער וואַרפט אַ באַדויערונגס בליק צו דער פרוי, און נאָכדעם מישט ער זיך אוים מיט די איבריגע שאָטענס)
בלינדער: (טאַפט דעם טיש, די באַנק, רעדט פאַר זיך) וואונדער. וואונדער.
ערשטע מיידעל: (לאַכט זיך ווידער פאַרנאַנדער)
בלינדער: צירעל! שרה!
פרוי: איך בין דאָ. (ווייזט זיך פירענדיג מיט זיך די ערשטע מיידעל אַ קייכענדיגע.)

בלינדער: וואָס איז דאָס פֿאַר אַ געלעכטער? צירעל?

ערשטע מיידעל: כאַ! כאַ! כאַ! זאָג אַליין פֿאָטער.
איז עס דען ניט צום לאַכען?
אַ בלוטיגער פֿאַרנאַכט —
אין מעריב זייט — אַ רויטע זון,
ווי גאָט אַליין וואָלט עס קיילעכדיג געמאַכט
עס זאָל ניט אויסזען ווי אַ האַרץ וואָס בלוטיגט.
געדיינקסט? (צו דער פֿרוי) איך — — און דו — — —
אַ שפּיל פֿאַר זיי — צו שטילען זייער ליידענשאַפֿט.
און עס שטייט דער אַלטע
אַ פֿאַרשטיינערטער, אַ פֿאַרגליווערטער,
און קוקט עס אַלעם צו.

בלינדער: אמת טאָכטער. אמת.

מיידעל: און ווי אַ שוחט נאָכ'ן שעכטען גיט אַ וואָרף די הון,
און ווי זי וויל זיך אויפֿהויבען און בלייבט ליגען
אַזוי מיך — אַזוי דיך — האָבען זיי אָפּגעוואָרפֿען און
מיט שפּייעכץ נאָך באַשפּיגען.

פֿרוי: אמת! שוועסטער, אמת!

מיידעל: האָט נאָך זייער הייסע בלוט נאָך אַלץ ניט אָפּגעקילט.

האָט נאָך זייער ווילדע בלוט, נאָך אַלץ ניט
[איינגעשטילט.
און ווער ס'האָט נאָר געהאַט, א האנט צום רייסען —
דער האָט דיין ווייסען באָרד געריסען.
און מיט א געלעכטער האָ־האָ־האָ, הי־הי־הי,
אין דער לופטען עם געשמיסען.
בלינדער: אמת! טאָכטער, אמת!
מיידעל: איז דאָך שוין געגוג, איז דאָך שוין גענוג. —
וויפיל בלוט דאַרף מען האָבען אָנצופילען זייער הרוג?
וויפיל פיין דאַרף אריבער וועגען זייער גיפט?
האָט נאָך איינער אויסגעשריען מיט א טעמפען קול,
אַז ווער ס'איז דרייסט —
דער זאָל
זיין דרייסקייט ווייזען.
האָט דער דרייסטער, מיט אַן אָנגעגליטען אייזען
אויסגעלעכערט דיינע אויגען.
בלינדער: אמת! טאָכטער, אמת!
אין אַ ים פון פאַרבען
איז די זון אַראָפ געגאַנגען.
פאר דער שעה פון שטארבען —

האָבען זיי מיך אויפגעהאנגען.

מיידעל: ווי פון טויזענט צאפּענס רינט און טריפט
דיין בלוט —
און אין דער מינוט
פון גסיסה,
קרעכצט און רייסט זיך דיין פאַרריסענער קאָפּ —
הייבט און וויגט זיך אויף און אָפּ,
דיין שווערער גוף.

פרוי: נאָר וואויל איז דעם וואָס עפענט ברייט די אויגען אויף —
וואויל איז דעם —
ווען נאָהנט ווערט דער סוד פון אַלץ
וואָס קריגט זיין אויסלייזונג. (צו דער מיידעל)
איך בענש עס דיר, שוועסטער מיינע.

מיידעל: (צו דער פרוי) ווען דו האָסט זיך פארגאנגען
אין א חלש'דיג געוויין,
האָט זיך דער טייך פאר מיר אַנטפּלעקט —
דער טייך — ווען ס'פארדעקט
די גלאטע רונצעלדיגע הויט פון די כוואליעס;
די ציטערדיגע קאלטקייט פונ'ם נאסען טויט.
ווי א כלה לויפט באגעגענען דעם חתן

צו געפּעלען,

און ווי זי בלייבט אין זײַנע אָרעמס איינגעשלאָסען

און ווי איר האַרץ צוגייט פון שטומען פרייד,

אַזוי בין איך געלאָפען, אַזוי האָב איך געפילט

ווען די ווייכע האַנט פון טייך

האָט מיך געקילט

וואַשענדיק מיין שאַנד.

צווייטע מיידעל: (וואָס איז געזעסען אין טויטען שווייגען, רעדט פון אַ אַנדער ווינקעל)

אַ „כאָגע" איז בײַ זיי געווען

זיי האָבען זיך אַרומגעזען:

עס פעלט זיי פרייד.

און פרייד איז דאָך בײַ זיי ניטאָ —

וואָס זאָל מען דען ניט טאָן

אום אויסצופילען אַ פּאָר ליידיגע שעה

פון טאָג?

אַ וואו ס'איז נאָר געווען אַן אומעטיגע הויז,

אַ וואו ס'איז נאָר געווען אַן אומעטיגער ראָג,

האָט עס מיט צעיושעטען געלעכטער אויפגעלעבט.

מיך מיט יעקבען האָט מען צו שפּאַס

אין גאָס,
ארויסגעשלעפּט.
אונז אויסגעטאָן —
טאַנצען זאָלען מיר.
און אז מיר טאַנצען ניט
פּאָכט די בייטש און גליט —
פּאָכט די בייטש. און בלוט גיסט זיך פון אונזערע
וואונדען.
נו טאנצען מיר!
און דרייען זיך אויף אלע פיר.
איינגעבויגען,
אויסגעצויגען
טאנצען מיר.
און וואָס מיר זעען?
בליצען פאר די אויגען
א מבול פון גליענדיגע פונקען.
און דער המון איז אָנגעטרונקען
און לאַכט. — — —
אַ „כאָגע" איז באַ זיי געווען.

(ווערט אַנשווייגען, בלייבט זיצען אין דער פריערדיגער פּאַוזע, דעם קאָפּ אין קלײַן פון יידע דאַליאָנעס.)

ערשטע מיידעל: כאַ! כאַ! כאַ! כאַ! כאַ! כאַ!

פרוי: (מערער ווי פאַר זיך) פאַר מיר האָט די שאנד
אַ רגע בלויז געדויערט.
די האַנט,
וואָס שטראָפט און בענשט, און גיט דעם סוף,
האָט אָנגעגרייט פאַר מיר דעם שלאָף.
פון זייערע אויגען —
האָט דער טויט אויף מיר געלויערט.

איינער: א חזיר האָט דיין לייב געפרעסען,

די פרוי ווערט פאַרגעבעלט פון יסורים. דער בלינדער פאַרשטעלט מיט די הענט זיין פנים. ערשטע מיידעל לאַכט זיך הילכיג פאַרנאַנדער. אין מזרח ווייזט זיך די זון, פון וואַלד און פעלד ווערט געבוירען דער טאָג, און אין זיין ליכטיקייט זעט זיך דער רואינע אָרט פוסט.)

IV

באַלאַדען

גוף און קאָפּ (בורלעסק)

לעבט זיך בשותפות א גוף מיט א קאָפּ —
איז קינדיש דער קאָפּ, און ריזיג דער גוף.
איך ווייס ניט ווי אַזוי ס'האָט געקענט גאָר ארויף
אויף דעם ריזיגען גוף דער קינדישער קאָפּ.

פאָרט וועו דער ריזיגער גוף אין טראַמוויי,
שטופּט זיך אין פענסטער דאָס קעפּעל ארויס.
זעט עס א מיידעל פארפוצט באַ א הויז,
שמייכעלט דאָס קעפּעל צופרידען אזוי.

פּאַטשט אין די פענסטער א שטויביגער ווינט,
ווארפט זיך דאָס קעפּעל אהין און אהער;
גלעט עס די האנט פוג'ם ריזיגען גוף,
פון דעם האָט דאָס קעפּעל הנאה נאָך מער.

פילט אויף צום לאכען דער ריזיגער גוף,
גיבען זיך העכער די אקסלען אצי;
ווארפט זיך דאָס קעפּעל מיט הילכיגען קוויטש,
און ס'גיבען די אויגען מיט פייער א גלי.

פילט אויף צום וויינען דער ריזיגער גוף,
קנייטשט זיך דער ריזיגער הויך צו דער ערד;
גיט עס דעם קעפּעל מיט ציטער א קלעם,
ווערען די אויגען און פנים — פארטרערט;

ליגט ער זיך שלאָפֿען, דער ריזיגער גוף,
שטערט ניט דער האַרטער געלעגער זיין רו.
און ווייל ס׳איז דאָס קעפּעל א קליינער באַ אים —
רוקט ער דעם קעפּעל א קיישעלע צו.

גיסט זיך די מידקייט אין ריזיגען גוף,
ליגט זיך דאָס קעפּעל אין חלום געשפּאנט;
שפּארט זיך די אומרו אין ריזיגען גוף,
שלאָגט זיך דאָס קעפּעל דאן קאָפּ אין דער וואנט.

אַ באַלאַדע

איינער אַן אַלטער, און איינער אַ יונגער.
אַ שווייגענדער עלענד פאַרביסען פון ביידען —
ביידע אָן כוחות צו ריידען.
דער זין בײַ דעם אַלטען — פאַרטריקענטער קאָרע.
און צווישען אַ פּלאָנטער פון ווערטער ניט קלאָרע
אַ שטילע,
אַ וויינענדיג תּפילה:
לעבען.
לעבען.
נאָר קלאָר ווי אַ פּינקטליכער חשבון — דינען
ביים יונגען די רייד און דער זינען
פון קלערען —
זיין לעצטער באַגערען:
שטאַרבען.
שטאַרבען.
דרויסען די דעמערונג שלייכט זיך צום מאָרגען.
— —
און פונקט ווי אַ סוד אין אַ מוח פאַרבאָרגען,
געבליבען דער דעמערונג איז פרעמד די פאַרלאַנגען.
נאָר איינער, וואָס וואַכט אין די נעכט,
צו אים נאָר איז ביידענס געבעטען דערגאַנגען. —
דער איינער, ער לעבט מיט געזאַנגען
און טובלט זיין אייגענעם לעבען אין צער
פון חכם און נאַר.

אַ באַלאַדע פֿון דריי יונגע אַלמנות

באַ חבר'טעס דריי און נאָך יונגע דערצו
זיינען די מענער אוועק אין דער רו.
האבען די דריי, דורך די טעג און נעכט
געוויינט. און אליין די געוויינען געהערט.

און האָט זיי אין גאס א פֿארבייסקטער געמיט
געטריבען, דאן זיינען זיי שטיל זאַלבאַדריט
געגאנגען, מיט טוליען באַהאַנגען די קעפּ,
אזוי ווי מיט שפּינוועבס, פֿון גרויען געוועב.

האט דורך די יאָרען מיט אומעט פֿארקניפּט —
איינע זיך ווידער אויף ס'ניי איינגעליבט;
ניטאָ אזא משפּט אויף שטראָפֿען א פֿרוי,
ווען בלוט פֿון איר יוגענד וויל דוקא אזוי.

זיינען געבליבען פֿון חבר'טעס דריי —
נאָר צוויי — וועלכע בלייבען די טויטע געטריי.

אומעטען ביידע אין שווארצען און ס'וויינט
פֿון יונגע געזיכטער דער שטעמפּעל פֿון טויט.
ביז ס'האט דער צווייטע באַרוישט א געפֿיל —
וואויל איז צו דער — וועלכע טוט וואס זי וויל.

איז נאָר געבליבען פון חבר׳שעם צוויי —
איינע, וואס בייט ניט אויף פרייד אויס איר וויי.

און די, וועלכע האט איר געדאנק אליין פארהערט —
אט דער, האבען שאָטענס די זון זען — געשטערט.
און זי האט געביטען דעם טאָג אויף דער נאַכט —
ביז פרי האט דער טויט איר צום טויטען געבראַכט.

זלמן לערער

אַליץ אין שטעטעל ווי געוועזען:
שטיבלאַך און אַ מאַרק אין מיטען,
נאָר פון קומען, און אַ וועקגיין,
האָבען דורות זיך געביטען:
קינדער, זיינען אַלט געוואָרען,
אַלטע, האָט די צייט פאַרלאָרען.

אַליץ די זעלבע קליינע שטעטעל —
ענדיגט זיך ביים וואַלד אַ רונטער.
שטייט ביים וואַלד נאָך אַליץ די חורבה
וואָס די קלעצער האַלטען אונטער.
שרעקעדיגע זאָגען: שדים
וואוינען דאָרטען אויפ'ן בוידעם.

שלייכט פאַרביי דער פוסטער חורבה,
ווען אַ זקן איינגעבויגען,
שאָקעלט זיך זיין קאָפּ, דער גרויער,
מיט אַן אומעט אין די אויגען.
ס'קומט אים אַ געדאַנק אין זינען:
זלמן — האָט געוואוינט דערינען.

זלמן, זלמן, — ווער איז זלמן?
מיט אַ ווײ דערמאָנט מען זלמן.
לאַנג שוין פֿוילען זײנע בײנער
באַ דעם פּלויט פֿון דעם בית־עלמין.
אַ מצבה האָט דאָס שטעטעל
בלויז געשטעלט נאָך אים — אַ ברעטעל.
— — — — — — — — — — —

אי זײן טאַטען, אי זײן מאַמען,
נאָר געזען ווי דורך אַ נעפּעל...
טעג אין קלויז, — דער הונגער עסט אים,
ווי אַ וואָרעם עסט אַן עפּעל.
האָט דער נגיד, „זאַנוויל שמעון"
אים צו זיך אין הויז גענומען.

איז דער נגיד אָפּגעשטאָרבען, —
זלמן דאַרף אים שוין נישט מערער.
יעדער קען אים אין זײן שטעטעל,
האַלט מען אים דאָרט פֿאַר אַ לערער.
זומער — רעגענס. ווינטער — שנײען,
און די יאָרען, ווײטער גײען.
— — — — — — — — — — —

אַ פֿאַרשלאָסענער אין חדר,
פֿול מיט ביכער אָנגעלאָדען.
אַלע נעכט, אין שוואַרצקייט קוקען
גאָלד׳נע שנורען דורך די לאָדען.
זלמנ׳ען — קען שלאָף ניט שטערען.
קליגער מערער דאַרף ער ווערען. . .

ווי דאָס מעסער ווערט אַלץ שאַרפֿער
אויף דעם שאַרפֿשטיין, בײַ דעם שלייפֿען,
האָט זיין מוח זיך געשליפֿען.
ביז, געקענט האָט ניט באַגרייפֿען
אונזער וועלט, — אָט די ניט גלייבע —
מיט די אָרימע און רייכע.

ווערט ער אָפּגעצערט און בלייכער,
זיין פּרנסה ווערט אַלץ קלענער;
די תּלמידים זיינע לעצטע,
לערענט ער, ווי בעסער, שענער,
איבערבויען אַ גערעכטע
דאַרף מען אונזער וועלט, די שלעכטע.

— — — — — — — — — — —

אַ באַוואַקסענער איז זַלמן —
זיינע קליידער — אַלט צוריסען,
דורך די לעכער זעט דאָס לייב זיך,
נאָר ער וויל דערפון ניט וויסען —
ער לויפט אום, און האַלט אין שרייען:
„אונזער וועלט, מוז מען באַנייען".

אַז אַ קליינער „אַפיקורוס"
קרימט זיין ווילדען שרייען איבער,
נעמט ער קריצען מיט די ציינער.
פון די אויגען — טיפע גריבער, —
וואַקסען זיינע בליקען גרעסער
מיט אַ שאַרף ווי פון אַ מעסער.

גרייכט זיין צאָרען איבער גרעניץ —
וואַרפט ער שטיינער — שויבען קראַכען.
באַ געוויין און שרעק פון קינדער
שטייגט זיין צאָרענדיגעם לאַכען:
„אונזער לעבען, אונזער גרויען
מוז מען, מוז מען, איבערבויען".

אידען האָבען ווייכע הערצער —
אומגליק שמעלצט זיי מיט רחמנות.
אידען צו דעם גאָט נקמה,
ברייגגען קיינמאָל קיין קרבנות.
האָט מען ליפּען צוגעשלאָסען,
און מיט טרערען זיך באַגאָסען.

— — — — — — — — — — —

איינמאָל אין אַ נאַכט פון ווינטער,
אַלע פענסטער, — גרויע, מאַטע,
גאַסען, שטיבער, דעכער, ליגען
איינגעוויקעלט ווי אין וואַטע.
איבער זיי אַ הימעל — ברייטער,
היינגט מיט שטערען אַ באַקליידטער.

זלמן זעט דעם שיינעם הימעל,
ווערט געשטויגט פון שיין און שטערען,
און צעווייגט זיך, אַז די שטערען
זאָלען זיין געוויין דערהערען:
„אונזער לעבען, אונזער גרויען,
העלפט מיר, העלפט מיר איבערבויען!“

אַז די נאַכט איז שוין אַריבער,
און די טונקעלע פֿאָרהאַנגען,
האָט דער מאָרגען אָפּגעצויגען,
און די זון איז אויפֿגעגאַנגען,
איז שוין טויט געלעגען זלמן,
ביי דעם פּלויט פֿון דעם בית עלמין.

— — — — — — — — —

אַלץ אין שטעטעל ווי געוועזען!
וועגען בלאָטיגע, מיט גריבער.
און עס שטאַרבען די זקנים,
און די קינדער בלייבען איבער,
און די מעשה „זלמן לערער"
ווערט דערציילט אַלץ מער און מערער.

יצחק ניידום

אין אַן אָרעם ליטוויש שטעטעל,
האבען געסלעך זיך געצויגען.
זיינען דארט געשטאנען שטיבלאַך
ווי זקנים איינגעבויגען:
וועגט צופוילטע, שטרוי די דעכער,
פענסטער, פון דער ערד קוים העכער.

האט זיך אין דעם ליטוויש שטעטעל
אָט די מעשה׳לע געשפונען:
ס׳האט אמאָל צוריק מיט יאָרען
דארט א נגיד זיך געפונען,
וואס האט ליב געהאט זיין לעבען,
און געהאסט נדבות געבען...

איז א רעטעניש געוועזען
פאר די איינוואוינער, פון יאָרען.
ניט געוואוסט, צי האט ער קינדער,
צי ער האָט זיי אָנגעוואָרען.
נאר געוואוסט: דעם מיל אנטקעגען
שטייט אַ שטיבעל, זיין פאַרמעגען.

האָט געפּוסטעוועט דאָס שטיבעל,
(חוץ די שדים מיט קאַפּעליע.)
האָט געפּוילט דער שטרוי פֿון דעכעל
און געריכען פֿון דער סטעליע.
פֿון א ווינט — געטאָן א ציטער.
פֿון א דונער — א צעשפּליטער . . .

— — — — — — — — —

מאַכט זיך: אין אַ טאָג פֿון ווינטער
קומט אַ יונגע פֿרוי צופֿאָרען,
מיט אַ קינד וואָס זויגט די ברוסט נאָך, —
איז א רודערניש געוואָרען:
ווער איז זי? און ווער דאָס עופֿ'ל?
צוקען פּלייצעס זיך פֿון צווייפֿעל.

האָט קיין בגד, און קיין קישען,
אויך קיין גראָשען ניט צום לעבען.
ווערט די רודערניש נאָך גרעסער:
ס'איז רחמנות, מ'דאַרף מען געבען.
פֿון אַ שיקזאַל פֿון אַ בייזען,
די נשמות צו דערלייזען.

איז אַ וואָך און צוויי פאַרגאַנגען,
ווערען שכנים אירע שפּייזער,
מיט א טאָרבע גייט זי בעטלען
צו אַ יעדען אין די הייזער.
שלעכטע, האָט זי מער געטראָפען,
האָט ניט וואו צו איבערשלאָפען.

— — — — — — — — —

און דעם נגיד׳ס פּוסטע שטיבעל,
וויל נאָך קיינער אַלץ ניט דינגען.
ס׳הערען דורכגייער, ווי שדים
באַ די פענסטער, הילכיג זינגען,
און מיט קלוגע שפּיצעלעך—פּרואווען
זיי די מענשען צו צורופען.

האָט מען זיך געהיט פון שטיבעל.
אַלטע מענשען, פּונקט ווי קינדער;
ס׳האט זיך אויך געהיט פון שטיבעל
אויף דעם וועג—אין גאַנג א בלינדער;
צי אַ פרעמדער פון אַ ישוב —
שדים — וויים מען — האבען כשוף.

פלוצלונג ווערט א רעש אין שטעטל:
יעדער איז ערשטוינט געבליבן —
ס'האָט די בעטלערקע אין שטיבל
זיך אָן שרעק, אַריינגעקליבן,
זיך פון יעדן — אָפּגעזונדערט.
האָט זיך יעדערער געוואונדערט...

— — — — — — — — —

איינמאל אין אַזאַ ווערוכע:
וואָלקענס זיינען אויף דעם הימעל
אומגעלאָפן, שווערע, גרויע,
און דאס שטעטל אין א דרימעל
איז געלעגן ווי פאַרלאָזן.
ס'האָט אַ שטאַרקער ווינט געבלאָזן,

און געפייפט א דורך די קוימענס.
און געבראָכן, לאָדען, שויבן.
קיינער האָט די נאכט געשלאָפן
דורך דעם בייזן גזר פון אויבן.
שוואַכע שטיבלאַך, שוואַכע שטאַלען
זיינען מאַסען אומגעפאַלען.

און אויף מאַרגען נאָכ'ן שטורם,
נאָכ'ן ברוך, פון ווענט און דעכער —
האָט מען פרוי און קינד געפונען
אונטער קלעצער, ווי אין לעכער.
איינגעשלאָפענע, דערשטיקטע
פון די שדים איינגעוויגטע . . .

— — — — — — — — —

האָט דאָס שטעטעל אַ בית עולם,
און אַ קברות מאַן א שומר;
איינגעזונקענע מצבות,
און פאַרוועלקטע דאַרע בוימער.
און אַ פלויט פון האָלץ אַן אַלטען —
שטאַרק צובראָכען און צושפאָלטען.

האָט מען פרוי און קינד צוזאַמען,
נעבען פלויט דאָרט, נעבען אַלטען.
ביידען אין אַ נאַסען קבר —
אין אַ קאַלטען טאָג באַהאַלטען.
און זיך וויגענדיג, ווי זאַנגען,
יעדער איז אַ היים געגאַנגען.

ווען אין קאַלטען בין השמשות,
האָבען זיך געזעגענט שטראַלען,
האָט דער פלויט פון ווינט געוויגט זיך,
איז דאָרט שיער ניט אומגעפאַלען.
זיך געבויגען, און געסקריפעט,
ווי עס וואָלט פון ווי געכליפעט...

— — — — — — — — —

אַז אַ יאָר איז אָפּגעגאַנגען,
און פאַרמעקט וואָס איז פאַרלאָפען,
האָט מען אויף דעם קבר, פלוצלונג,
אַ מצבה שטיין געטראָפען.
האבען זיך געטראָגען סודות
אויף דעם נגיד, יצחק ניידעס.

די מיידעל, וואָס איז פֿאַרנאַרט געוואָרען פֿון קייזערס אַ שליח

א

געלעבט האָט ארב אין אַ שטעטעל פֿאַרצייטען
געבענשט מיט אַ טאָכטער, פֿאר גאָט אי פֿאר לייטען.
און כאָטש ס'איז קיין מאַמע געוועזן איר צו היטען,
האָט קיינמאָל די מיידעל איר היים ניט פֿאַרביטען,
און ווען ס'איז דער פֿאָטער אין שטוב ניט געוועזען —
פֿאַרטיפֿט האָט דאָס מיידיל אַ ביכעל געלעזען.
און דאָ קומט די מעשה, ווי אַזוי ס'איז געקומען
אַ רייטער אין שטעטעל, און זי — צוגענומען.

ב

אַ טאָג, אין אַ וואַרעמען פֿרילינג געוועזען.
אין שטוב האָט די מיידעל אַ ביכעל געלעזען.
נאָר ווייל ס'איז אַ שטויב פֿאַר די פֿענסטער געפֿלויגען —
האָט נייגער דער מיידעל צום פֿענסטער געצויגען.
דערזעט: — און דערהערט: — סאיז אַ פֿרייד, אַ געפילדער,
עס פֿאָרען קאַרעטען אַלץ ווילדער און ווילדער;
פֿאָראויס גאַלאָפּירט אַ ווייס פֿערדעל, אַ בלאַנקער,
אויף אים זיצט א רייטער, א יונגער, א שלאַנקער,
און ס'קלינגען, און ס'זינגען, די זילבערנע שפּאָרען.
ווער איז דער רייטער? וואוהין איז זיין פֿאָרען?
און באַלד איז דער שלאַנקער פֿאַרביי דורכגעלאָפֿען.

עס האָבען זיך אויגען מיט אויגען געטראָפען,
און אים האָט א בליץ געטאָן ליכטיגע זונען,
אַזוי, אַז ער האָט שוין זיין וועג ניט געפונען.
נאָר רואיג כמעט ווי אָן אַלעס פאַרגעסען,
האָט ווייטער דאָס מיידעל דעם ביכעל געלעזען.

ג

ביים וועלדעל, וואָס שלינגט אין זיך איין אַלע וועגען —
עס שטייט זיך אַ קרעטשמע, די וועגען אַנטקעגען.
עס האַלט זי — דער אַלטער רב לייזער פון יאָרען.
אַהין איז דער רייטער, דער שלאַנקער, פאַרפאָרען.

— — — — — — — — — — — — — — —

פאַרטאָג גייט אַראָפ פון געלעגער דער רייטער,
פון נאַכטיגער אומרו, צומישט, אַ צושטרייטער.
פרעגט אים רב לייזער, וואָס אים איז געפעלען
צום פרישטאָק, ער וועט עס צום טיש אים גלייך שטעלען.
זאָגט שטיל אים דער רייטער: „נאָר טיי, ברויט, און פוטער,
כ'האָב ליב דעם געלעגער, אַ וויי̆כער, אַ גוטער.
איך האָב זיך באַדיינקט נאָך אַ טאָג דאָ צו בלייבען,
איך דאַרף פון דעם שטעטעל די אידען אויפקלייבען.
ווייל איידער איך פאָר, פאַר די אידען דאָ וויל איך
זיי מאַכען אַ מאָלצייט, פון האָניג ביז מילעך".

ד

דער טיש אַ געדעקטער פֿון מינים פֿאַרשידען,
אין מיטען דער רייטער, אומרינגעלט פֿון אידען.
מען עסט, און מען טרינקט, און דער רייטער נעמט ריידען
צו פֿאָרשען פֿיל קינדער איז דאָ באַ אַ יעדען.
זאָגט איינער: „געבענשט האָט מיר גאָט דער גערעכטער,
ער האָט מיר באַגליקט מיט אַ זון, און דריי טעכטער"
אַ צווייטער, אַ דריטער, אַזוי אַלץ כסדר
דערציילען פֿון זין און פֿון טעכטער אַ יעדער,
ביז ס'איז צום רב שוין, צום אַלטען געקומען.
האָט ריידען מיט ציטער דער רבי גענומען,
„כ'האָב איינע, זאָל גאָט נאָר די טריט אירע היטען,
זי האָט נאָך די היים אויף דער פֿרעמד ניט פֿאַרביטען".
געוואוסט האָט דער רייטער שוין זיכער באַ וועמען
געפֿינט זיך אָט די, וואָס מיט זיך וועט ער נעמען.

ה

זון־פֿאַרגאַנג. נעמט יעדער זיך, אַהיים גיין קלייבען.
הייסט דער רייטער, אַז דער רב זאָל בלייבען.
בלייבט דער רב, — דער רייטער זאָגט באַשיידען:
„כ'וואָלט מיט אייער קינד געוואָלט וואָס ריידען
דער וועג איז ווייט — אַ זאַמדיגער פֿון דאַנען —

וועל איך מיינע דינער הייסען די קאַרעטע שפּאַנען".
זאָגט דער רב: — „מיין טאָכטער בייט ניט אירע ערטער".
בעט דער רייטער: — „שרייב אָן איר אַ פּאָר ווערטער",
שרייבט דער רב: — טאָכטער, קום אַהער צופאָרען,
היט זיך! וועגען פירען איך צו שוואַרצע יאָרען.

ו

קלינגען גלעקלאַך, ס'הירזשען פערדלאַך,
און זיי מאַכען אַ געפּילדער,
אַלץ פאַרביי די פלינקע פערדלאַך —
טראָגט אַ שטויב זיך אום אַ ווילדער,

קינד און קייט, ווי אויף אַ וואונדער —
אין די אויגען כשוף העלט זיך: —
ס'קלינגען גלעקלאַך, ס'הירזשען פערדלעך.
נאָר וואָרום דאָ אָפּגעשטעלט זיך?

קיינער ווייס ניט, חוץ די איינע,
וועלכע לעבט פון זיי — באַזונדער —
ווידער קלינגען אויף די גלעקלאַך:
אַלע שטוינען אויף דעם וואונדער.

שווינדט דאס שטעטעל, און די פערדלאַך —
ווי די פיילען פון דעם בויגען.

פֿון די וועגען הויבט דער שטויב זיך
און פֿאַרשיט די נאַכט די אויגען.

ז

געוועזן איז שוין נאַכט, און דערזען האָט די שײנע
אַז זי איז אין אַ שלאָס אין אַ גרויסען איז אײנע.
די פֿענסטער מיט גראַטען, די טירען מיט שלעסער —
אין האַרצען דער שרעק איז געוואָרען אַלץ גרעסער.
בײסט זי די ליפּען, און װײנט אין איר צאָרען.
נאָר ס׳גײען, אי װײען, אי טרערען פֿאַרלאָרען.

ח

דורך די גראַטען זײנען װײסע שטראַלען אָנגעלאָפֿען,
אַלע לאַנגע, שפּיציגע, װי שפּיזען.
פֿון אַ נאַכט אָן רו, און ניט דערשלאָפֿען,
האָט דער רײטער פֿאַר דער שײנער זיך באַװיזען.

האַלט זי אין איר האַרץ דערשטיקט דעם צאָרען,
שמײכעלט דורך די שטילע װאונדערליכע אויגען;
שטײט ער אַ צומישטער, װי פֿאַרלאָרען —
מיט זײן שײנעם אומעטיגען קאָפּ געבויגען.

רעדט די שיינע צו דעם אומעטיגען רייטער: —
„אַז ס'האָט אַזוי פּאַסירט, איז דאָס גאָטס ווילען.
אַז איך בין דאָ, וועל איך שוין זיין דאָ אויך אויף ווייטער.
האָב צו מיר נאָר איידעלע געפילען.

פּילט ער ווי אַ זינדער, און ער נעמט זיך רעגען
מערער. נעמט זיין שיינער קאָפּ זיך בויגען.
דורך דעם כשוף, פון אירע וואונדערליכע אויגען, —
איז דער שליח וויינענדיג באַ אירע פיס געלעגען.

ט

ווערען טעג דערשטיקט פון נעכט, נעכט אין טעג — צושוואומען.
איז אַ מאָל אין שליח'ס הויז, אַ פריינד אַריינגעקומען.
גרייט מען שנאַפּס, מען זיצט זיך באַ אַ טיש אַ גרויסען.
ריידען ביידע פריינד פון אַליץ, וואָס ביידע ווייסען.
איז דער שליח אויפגעלייגט, — דערציילט ער פון דער שיינער.
ס'וויים דער קייסער ניט דערפון, איז ווייסען זאָל מער קיינער.
זעגענט זיך דער פריינד, און ס'נעמט זיין האַרץ מיט קנאה שלאָגען,
ביז ער האָט די נייעס צו דעם קייסער אָפּגעטראָגען.
ווערט דער קייסער ווילד, און הייסט דעם רייטער צו זיך ברייגנגען.
פאַר ניט אוים דערציילען אַליץ, — קומט זיין שליח הייגנגען;
הייגנגט מען אים. — און נאָכ'ן אויפגיין פון א נייעם מאָרגען, —
נעמט דער קייסער פאַר דער שיינער זיך אַליין זאָרגען.

י

טומעלט זיך אין קייסערס הויף,
און מען קלייבט די פֿערד צונויף.
די באַדינער — פֿלינק, געטריי,
מאַכען די קאַרעטען ניי.
„אַי וועט עס צום טרינקען זיין,
„אַ חתונה, מיט שנאַפּס, און וויין!״
טומעלט זיך און ס'וואַקסט די פרייד:
זעט נאָר! דער שניידער גייט.
אויף זיין האַנט, ווי ווייסע קרייד,
היינגט אַ ווייסע קלייד פֿון זייד;
פֿאַר דער שיינער איז די קלייד, —
מיט בריליאַנטען אָנגענייט.
טומעלט זיך, און ס'וואַקסט די פֿרייד,
זעט נאָר! זעט! דער שוסטער גייט.
טראָגט ער שיכלאַך אין זיין האַנט,
יעדער קנעפעל — אַ בריליאַנט,
און די גרינג — אַ פֿלעדערמויז,
אַז סע פֿליט פֿון האַנט אַרויס.
וואַקסט די פֿרייד אין קייסערס הויף,
נאָר די שיינע, וויינט דערויף.

יא

אויף וועגען פאַר זיי שטייט אַ קלייסטער געגרייט.
ווייט איז דער וועג, און ער ציט זיך געדרייט.
פליען די פערדלאַך, און שניידען די ווייט.
פליען די פערדלאַך צו קומען אין צייט.
בייטען זיך וועלדער און פעלדער מיט היי.
מיט דאַמען באַזונדער, די שיינע מיט זיי.
ברויזט אין איר מח, דורך ציטער, זי קלערט,
ווי אַזוי זאָל די חתונה ווערען געשטערט.
זי טוט אויס אַ שיכעל, און זאָגט זיי מיט שרעק, —
אַז זי האָט פאַרלאָרען אַ שיכעל אין וועג.
שטעלען די קוטשער די פערדלאַך באַלד אָפּ,
און ס'שפּרינגען די דאַמען צומישטע אַראָפּ.
זיי לאָזען זיך זוכען אויף וועגען געדרייט,
דעם שיכעל מיט קנעפּ, מיט בריליאַנטען באַנייט.

יב

מיאַווקען קעץ, בילען דורך די נעכט די הינט.
ווען די שפּעטע שעה'ן הערשען, זיינען שטיבער בלינד.
זוכט די שיינע זיך צו רעטען, און געפינט אַ וואו.
דאָרט, וואו ס'ברענט דער לעמפּעל שטערט מען קיינעם ניט פון רו.
שפּילט דער מזל איר צום גוטען, זי געפינט אַ קלייד: —

טוט זי אָנעט די דימענטען, מיט שרעקענדיגער פרייד,
זוכט אַלוזשע אויס, און שמירט מיט בלאָטע אויס די פּיס,
די הענט און פּנים. זי ווערט עקעלדיג און מיאוס.
העכער קלאַפּט איר האַרץ נאָך, ווען זי קלאַפּט אָן אין דער פרעמד.
„נאָר נעכטיגען די נאַכט דאָ״, בעט זי זיך פאַרקלעמט.
קוקען פרעמדע אויגען, און זיי וויזען אויס, פאַרדאַכט.
נאָר לאָזען דאָך דער פרעמדער איבערנעכטיגען די נאַכט.

יג

ס׳גרויט אַ העלער מאָרגען אויף פון טויען אויסגעבאָדען.
הענערריידען דורך געקריי, און ס׳עפענען זיך לאָדען.
קינדער ליאַרמען, וועקט זיך אויף די שיינע.
דאַנקט זי זיי — און וויל אַרויס, נאָר דאָ קומט אָן אַ שכנה.
דערציילט זי פון דעם נייעס, וואָס דערציילט האָט פּיעטער:
(פּיעטער איז דער עקאָנאָם, ער לייענט אַלע בלעטער.)
„ס׳איז דעם קייסער׳ס כלה אויף די וועגען פון דער געגענט
אַריין ווי אין דער ערד, — און ווער ס׳האָט זי באַגעגענט —
צי ווייס אַוואו מען קען נאָר דער פאַרלאָרענער געפינען,
אַ העלפט פון קייסערס גוטס וועט אויפ׳ן גאַנצען לעבען דינען״...
הערט דער גוי. — און וויזט אָן אויף דער פרעמדער צו דער שכנה.
„נעכטיגען צו מיר געקומען״, אפשר איז, אָט זי, די איינע?
קוקט די גויע אויף דער פרעמדער און נעמט הילכיג לאַכען:—
„פאַר אַזאַ פאַרשוין וואָלט מען קיין טומעל גאָר ניט מאַכען״.

לאַכט דער גוי און ס׳לאַכט זיין ווייב, די קינדער ביז די קליינע, —
מיט אַ ציטערדיגען אָפּשייר גייט אַוועק פון זיי די שיינע.

י״ד

וועגען פאַר די אויגען —
האָבען זיך געשניטען;
וואָכען און חדשים,
האָבען זיך געביטען.

טעג — מיט ניט דערעסען,
נעכט — מיט ניט דערשלאָפען.
אַלץ אין האַרץ די שיינע —
הערט ניט אויף צו האָפען,

אַז זי וועט אין שטעטעל
צו איר טאַטען קומען.
און פון זיינע טרערען
ווערען אויף געגומען.

ווייס גאָר ניט די שיינע, —
וואו די פיס איצט גייען.
ס׳איז איר אייגען שטעטעל:
שטיבער נייע שטייען...

קלאַפט זי אין אַ טיר אָן, —
און די טרערען — רינען.

זאָגט זי: כ'וויל אַ דינסט זיין
און אייך טריי באַדינען.
פאַלען קאַלטע ווערטער
אויף איר האַרץ, ווי שטיינער.
— אַ דינסט אונז צו באַדינען
מוז זיך קליידען ריינער.

זאָגט זי: אַן באַלוינונג,
אויף דער וועלט כ'בין איינע.
באַ דעם רייכען בעדער
ווערט אַ דינסט די שיינע.

טו

אין דעם הויז פון רייכען בעדער,
פון די שלעכטע זין און טעכטער
ווערט די שיינע אָפגעזידעלט,
אפגע'חוזקט מיט געלעכטער.

גייט זי אומעט ווי א שאָטען,
ניט זי רעדט א וואָרט פאַר וועמען.
טויזענט זיגלען אויף די ליפען —
שווייגען זיי, ווען ס'הארץ טוט קלעמען.

אירע קליידער, וועלכע ליגען
איינגעבונדען אין אַ פעקעל,
לאָזט ניט אָנרירען די שיינע. —

מעסטען אויגען איר מיט עקעל ...

אין דעם הויז פֿון רייכען בעדער
גייט אַ רעטעניש אַ רומעט.
ווײנט איר האַרץ אַרומגעוויקעלט
מיט דעם שפּינוועב פֿון איר אומעט.

טז

איז אין הויז אַ זון פֿאַראַן.
קריגט ער פֿון א מויד נדן.
אירע עלטערען שטיין רייך. —
מעסט מען זיך, מיט יחוס גלייך.
רעדט מען ווען צו זיין פֿאַרקניפּט —
ווייל די מויד איז שטארק פֿאַרליבט.
קומען נעכט, און אַלץ געמערט.
ס'ווערט דער זון פֿון שלאָף געשטערט.
חלום'ט אים — די דינסט פֿון הויז —
קומט און זעצט זיך אויף זיין שויס,
רעדט און פֿליסטערט, גלעט זיין קאָפּ:
„שיינער, זאָג דיין כלה אָפּ!
און מאַך א בייט, אַ שיינעם בייט.“
כאַפּט זיך אויף דער זון און שרייט.
קומט זיין מאמע — ווי אַ ווײן
שלעפּערט זי אים ווידער איין.

חלום׳ט זיך אים, אז ער זעט
דער פֿאַרזעעניש אין בעט,
און זי האָט פֿון אים א קינד.
ציטערט ער אויף ווי א ווינד.
מיט א הייזעריגען קול,
מאכט ער געוואַלדען אָן אַ צאָל.
קומט זיין מאַמע, בייז און בלאַס,
לאָזט אוים צו דער דינסט דעם כעס.
ווייס די שיינע ניט פֿאַרוואָס.
נאָר די מאַמע מיט פֿארדראָס —
גייט שוין ניט אוועק פֿון בעט.
הערט זי ווייטער ווי ער רופֿט,
ווי ער וואַרפֿט זיך ווי ער וויינט,
ווערט אין איר דאס בלוט פֿאַרשטיינט.
טאָג נאך טאָג, דער זון גייט איין, —
פֿינסטער איז פֿאַר אים די שיין.
אַלע נאכט דער זעלבער שרעק.
גייט מען צו דעם רב אַ וועק.
גיט דער רב זיי א באַפֿעל: —
— „גלייך מיט איר א חופה שטעל
ווי דו שטייסט און ווי דו גייסט.”
טוט מען וואָס דער רבי הייסט,

און מען טראַכט, דעם צווייטען טאָג —
וועט ער אפּגעט׳ן זיין קלאָג.

יז

די שיינע האט געוואוסט, א שטילע חופה וועט מען שטעלען,
די שיינע האט געוואוסט — זי וועט אלעמען געפעלען,
און טראַכטענדיג פון דעם, האט באלד איר זין גענומען מאָלען —
ווי ס׳וואָלט דער פאָטער אירער, איצטער אָנגעקוואָלען,
און טראַכטענדיג אזוי, מיט אומעט און מיט זון באַגאָסען,
האָט זי מיט איר פעקעל אין א חדר זיך פאַרשלאָסען...

יח

אַז דער רב איז אָנגעקומען, —
האט מען רופען זי גענומען.
קומט זי אָן פון צווייטען חדר —
אין די דימענטענע קליידער.
עפּענען זיך אויגען ברייטע: —
קומט פאַר זיי דא ניט א צווייטע?
שטראַלען אויף די ווענט און ווינקלען
פון די דימענטען, זיי פינקלען
אויף די געסט און מחתנים,
אויף דעם חתן׳ס בלייכען פנים,
אין די טיפע שוואַרצע אויגען,
כשוף׳ט זיך אַ רעגענבויגען,

ווערען ליכטיג — אָנגעגאָסען,
ווערען פינסטער, אויסגעלאָשען.
שטראַלען שפּילען זיך — און ס'ווערען
אָנגעפילט די צימערען מיט שטערען.
ביז זיין מאמע פאַלט אַנידער,
און נעמט קושען אירע גלידער,
און באַגיסען זיך מיט טרערען: —
איר דעם וואונדער צו דערקלערען.

יט

דערציילט די שיינע, ווי אַזוי ס'איז אלץ מיט איר געגאנגען.
ווי מען האט איר פון איר הויז אין שלאָס אַריין געפאנגען.
און ווי עס האָט דער קייסער איר צו זיך אַריינגענומען.
און ווי פון קלייסטער וועג, זי איז פון אים אַנטרונען.

כ

האָט דער רב זיינע אויגען
אויף איר צוגעווענדט.
און האט זיין פאַרלארענער
טאכטער דערקענט.
און גליק אין צוויי הערצער —
איז ווידער אַריין.
(אַזוי איז אַ מעשה
ס'קען אַנדערש ניט זיין) . . .

א י נ ה אַ ל ט

זייט

I

פֿון שטאָט

אין אַ פֿרעמדער שטאָט 5
דאָס ליד פֿון ווינקעלער 6
אַליין 7
וואו צילט דער ציל 8
ס'האָט אימיצער געוויינט 9
אין שפּאַציר 10
זי האָט געפֿרעגט 11
דער טרעמפּ 13
אין ריי 15
אין אַ שטאָט פֿון זינד 16
אין דער אונטערוועלט 17
פֿאַרטאָג 19
הערבסט 20
אילוזיע 21
פֿון „גרינוויטש ווילעדיזש" 22
טשאַפּסואי 23
איך האָב פֿיינט 24
פּיפּי 25
אָט באַלד 26
בראָדוויי נאָך עלף 27
נאַכט אויף בראָדוויי 28
שטאָט (I II) 29
אַ ליד פֿון... 31
אַ ליד וועגן... 32
פּונקט ווי אַלעמאָל 33
אין נעבעל 34
פּראָסט 35
אין העלען ליכט (I II III) 36
ענגע שעהען 39

זייט

וועז באַנגען לויפֿען 40
טאָג און נאַכט 41
זון־אויפֿגאַנג 42
די נאַכט רעדט 43
סיני ליכט 44
צו מיינע חברים 45
אין מיר 46
אַנדערוואָבען 47

II

אָפּרו

אַ געזאַנג וועגן זונטאָג 51
" " "
" " "
איך אין אַ זונטאָג 55
פּיעסטשענדיג (3 4 5) 56
צוויי נייע לעבענס 60

III

פֿון טויטען וועג

צו אַ טענצערין 63
* * * 64
דער משוגעי'נער קאַפּריז 65
דער גייסט פֿון קדושים 69

IV

באַלאַדען

גוף און קאָפּ 81
אַ באַלאַדע 83
אַ באַלאַדע פֿון דריי יונגע אַלמנות 84
זלמן לערער 86
יצחק ניידוס 92
די מיידעל, וואָס איז פֿאַרנאַרט געוואָרען 98

7626

T.P.

ISBN:0-657-06545-5

MADE IN AUSTRIA